ПИ443

# עוזר צינקעס און דיא ציג

דאס איזט איינע וואהרע געשיכטע פון אגעוויסען מלמד וואס איזט אקערסט ארוים אויף קעסט וואס עס האט פאסירט מיט איהם און מיט אציג, דער ביישפיל איז נאך דא איינע דער ציילונג פון צוויא ארעמע בחורים וואס עס האט פאסירט מיט איאר פערציג דא אין דער גרויסע שטאדט אילון, ביידע צום שפאס אונד צום נוצן, מאכין זיך לוסטיג איבער דיא דומהייט אונד איבער דיזע פאלשע פוצען.

# ווילנא

תרכ"ט

4093

ОУЗЕРЪ ЦИНКЕСЪ УНДЪ ДИ ЦИГЪ,
т. е.
Разсказъ объ одномъ меламедѣ съ козою.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Фина и Розенкранца. 1868.
на Вилейской улицѣ домъ № 715/24

ЗАЛА И-443
ШКАФЪ CXXXII.
ПОЛКА 5. № 10.

# 1

אִין דֶער שְׁטֶעטִיל אַבְּדֶזִירִיסָאק . הָאט גֶעוואוֹינְט אַיין גֶעוִויסֶער יוּנְגֶער מַאן וָואשׂ מֶען הָאט אִים גֶערוּפֶען ר' עוֹזֵר צִינְקֶעם , וַוייל זַיינֶע שְׁוִוינֶער הָאט גֶעהֵייסְען צִינְקֶע , בִּיז זַיינֶעם צְוַואנְצִיגְסְטִין יָאר וַואר עֶר אַיין אָרֶעם בְּחוּר דָאס אִיזְט אַזוֹיא אַנָאמֶען וָואס הָאט נִיט זַיין הֵיפַּךְ (גֶעגֶענְזַאץ) לְמָשָׁל דֶער הֵיפַּךְ פוּן טָאג אִיזְט נַאכְט , דֶער הֵיפַּךְ פוּן נַאכְט אִיזְט טָאג , דֶער הֵיפַּךְ פוּן זִיס אִיז בִּיטֶער , אוּנ בִּיטֶער אִיזְט דֶער הֵיפַּךְ פוּן זִיס , נוּן הָאט דָא אוֹיךְ גֶעדַארְפְט אַזוֹיא זַיין אַיין הֵיפַּךְ דָאס הֵייסְט מֶע הָאט גֶעדַארְפְט רוּפִין דֶעם בָּחוּר וָואס אִיז נִיט אָרֶעם «רֵייכֶר בָּחוּר» אוּנ דָאס אִיז נוּר אוּים דִיזֶען גְרוּנְד (סִבָּה) דָאס דִיזֶער נָאמֶען אָרֶעם בָּחוּר אִיז נִיט גֶעמֵיינְט ווִירְקְלִיךְ אַיין בָּחוּר וָואס אָרוּם אִיז , נֵיין מֶע מֵיינְט נוּר אַזוֹי אַיוּנְגֶען מֶענְשֶׁען וָואס הָאט קֵיינֶע פְרוֹיא נָאךְ נִיט גֶענוּמֶען אוּנ עֶסְט טֶעג , עֶר מֶעג זִיךְ זַיין אַפִּילוּ פוּן רַייכֶע עֶלְטָערֶען פוּן צוּ הוֹיז אֲפִילוּ שׂוֹין בֶּאֱמֶת קֵיין בָּחוּר אוֹיךְ נִיט *) נוּר נִיט דָאס אִיזְט דָא מַיין צִיל :

---

*) אִיךְ זֶעלְבְּסְט בִּין גֶעשְׁטַאנֶען דֶער בַּייא ווִיא אַיין גֶעוִויסֶער רַייכֶער קְרֶעמֶער פוּן אַקְלֵיין שְׁטֶעטִיל וָואס אִיז גִיקוּמִין אַהֶער קַיין ווִילְנָא אַיין הַאנְדְלֶען סְחוֹרָה הָאט עֶר יֶעדֶען אַרְטִיקִיל בֶּעזוּנְדֶער גֶעקוֹיפְט בַּייא אַיין אַנְדֶערֶען אַגוּלְוִונִיק בִּתְנַאי דָאס זַיינֶער אַאִינְגֶעל זָאל בַּייא אִים אַטָאג עֶסִין אַזוֹי וַוייט מִיסְבְּרוּיכְט

NB



אִין זַיינֶעם צְוַואנְצִיגְסְטִין יָאר . הָאט אִים גֶענוּמֶען פַאר אַיין אֵיידֶעם אַיין גֶעוִויסֶער קַצֶב ר' בֶּערִיל צִינְקֶעם אוּנ הָאט אִים צוּ גֶעזָאגְט מֶער נִיט ווִיא זֶעקְס יָאר קֶעסְט · אוּנ דֶער אֵיידֶעם הָאט זִייא אַלֶע אוֹיף גֶעגֶעסִין , אוּנ נָאךְ מִיט אַפָּאר יָאר אִיבֶּערִיגֶע , אוּנ דָאס אִיזְט ווִירְקְלִיךְ אֵיינֶע זֶעלְטֶענְהַייט דָאס אַיין אֵיידֶעם פוּן אַיין אָרֶעם בָּחוּר זָאל קֶענֶען אַיין זִיצִין בַּייא אַשְׁוֶוערְם טִישׁ אַזוֹיא פִיל יָארֶען דֶען אַיין אָרֶעם בָּחוּר אִיז דָאךְ גֶעוואוֹינְט צוּ זֶעהֶען זִיךְ אַלֶע טָאג מִיט אֵיינֶעם אַנְדֶערִין טִישׁ , מִיט אֵיינֶעם אַנְדֶערִין לַאבֶּען בְּרוֹיט מִיט אַנְדֶערֶע גֶערִיכְטֶען , אוּנ צוּ צֵיילֶען זִיךְ פַאר אַנַאכְט צוּ יֶעדֶער שִׂמְחָה , נוּן זֶעלְטִין דָאס אַזֶעלְכִין זָאל קֶענֶען גֶעפֶעלִין פְּרָאסְטֶער בַּאלֶעבַּאטֶעשֶׁער קֶעסְט , דָאךְ זָאגִין גֶענִיטֶע מֶענְשִׁין דָאס אַזוֹי אֵיינֶע אוּים דוֹיֶערוּנְג טְרֶעפְט טַאקֶע בַּייא אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעמְס פוּן אָרֶעמֶע בְּחוּרִים וָואס עֶסִין קֶעסְט נוּר בַּייא קַצָבִים . וַוייל בַּייא אַזוֹי אַשְׁוֶוער אוּנ שְׁוִוינֶער בְּלַייבְּט אִימֶער דֶער טָאפּ פֶעט , מֶע עֶסְט דָארְטִין פְלֵייש צְוֵייא מָאל אִין טָאג אוּנ דָאס אוֹיךְ גָאר אָן אַוָואג נוּר נִיט דָאס מֵיין אִיךְ , אִיךְ מֵיין גָאר דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אוּנְזֶער ר' עוֹזֶער צִינְקֶעם .

נוּא בַּייא אַכְט יָאר קֶעסְט . קֶען מֶען דָאךְ קוּמֶען צוּא אַתַּכְלִית , הֵין אִין לֶערְנֶען , הֵין אִין גֶעלְט זַאכֶען , אוּנְזֶער ר' עוֹזֵר צִינְקֶעם אָבֶּער אִיזְט זִיךְ אִין דֶעם מֶשֶׁךְ פֶערְקְרָאכֶען נוּר זֶעקְס קִינְדֶערְלַאךְ , אוּנ אִיז זִיךְ דֶער וַויילֶע קְלָאר גֶעוָוארֶען אִין גַאנְץ יוֹנָה מִיט דֶעם נַייעם פֵּירוּשׁ , דֶעם לִקוּטֵי שושנים

---

מֶען (בְּרֵיינְגְט מֶען אִין נִיוִויץ) דִיא מִדַת הַצְדָקָה וָואס דַארְף אָן גֶעווֶענְדֶעט ווֶערְן נוּר פַר וַואהְרֶע נוֹיט בֶּעדִירְפְטִיגֶע .

שושנים *), דעם יוסף לקח אויף אחשורוש, איז זיך געווארען אמוהל, פלעגט זייער שוין אפ צו זינגען וכרות, גינוג פאר פראשטע שווער אונ שוויגער דם זיי זאלען זיך פרעגלען, בפרט נאך קאצבים וואס האבין שמאלץ געהאט געגוג, נון פאר שטייט זיך דאס זייענדיג מיט אזעלכע טאלענטע (השלמה) נור האט מען שוין ארוים גייענדיק פון קעסט געהאט שוין גאנץ קנאפ נאדעזדא אויף פרנסה, אונ האט אלזויא געמוזט זיך נעמען צוא אזוא אזאך וואס עס געגערען זיך דער פון אלע יענע וואס האבן זייערע יונגע יארין אויסגעבראכט, אויף אזעלכע זאכען וואס האבין קיין ווערט אונ קיין אכט, אונ דאס איז צום קנעלין, אפרנסה וואס מע קען דער בייא זייער גוט פון הונגער געשוועלין, בפרט נאך אגיזינטיל פון זאלבע אכט וויא מיר האבין דא שוין פריהער געדאכט, ער מיט דער ווייב צווייא אונ זעקס קינדער פון פלייש ווארדאהער שוין גאר קיין רייד, מע מוז זייא מיט מילך געגערין, אקוא צוא קויפען ווארמען ניט אין שטאנד, נוא איזט געבליבין מע זאל קויפען אציג, שווער אונ שוויגער וואס ווארען קצבים וואלטען עס געקויפט בודאי אין גלייכין געלט, אונ דער צוא נאך בודאי אגוטע, זיי ווארען שוין אבער דאן ביידע טויט, זייא האבין אפ געגעבין זייער משך קעסט ס'באַרישאם אונ זייען זיך אוועק געשטארבין דען וויא פיל איזט דער שיעור, מען קען דאך אייביג אונ יאר קיין קעסט געבין · אונ דאהער האט

געמוזט

*) דער ספר לקוטי שושנים האט אין זיך קינדערשע פשעטליך אויף יעדע סדרה, אונ פארצייטען פלעגען עס דיא מלמדים אוים לערנען תלמידים דאס זייא זאלין עס זאגען צוא שלוש סעודות, אדער בייא איינע פער הערענעס.



געמוזט אונזער ר' עזר אליין פארן פר אמייל דרייא צו אבאקענטן ישובניק, אונ האט דארטין איין גיהנדלט אציג פאר אגילדין צעהען, אונ גייענדיק מיט איר צוא ריק אהיים האט ער איין געקערט מיט איר צוא זיינעם אבאקאנטין, מע האט אים גערופין ר' הערציל חיענקעס, ער ווארנאך דאן איונגער מאן, אונ איז זיך געוועזן אגוטער ליץ, אונ האט אלזוי בשעת דער ר' עזר האט בייא אים גענעסין ווארעמעס איבער געביטען דיא ציג אויף אבאק, אונ דער ר' עזר וואס האט פון דיזער אומבייטונג גאר ניט געוואוסט, האט געבראכט דעם באק אהיים, מיט אקיטקע הייא נאך דער צוא וואס דער ר' הערציל חיענקעס האט אים געגעבין.

נון ווארין שטוב פריידין איבער פריידין, מע האט זיך אוים גערעכינט וויא פיל קעז אונ פוטער מע קען פון איר איין אכט טאג האבין, לבד מילך נון וועט מען שוין ניט זיין אזוא פערשמאכט · מארגין אין דר פריא בעלות השחר, טוז דיא ווייב מיט אדאנעצע אין שטעלכיל, האט זיך דארטן פערזאמט אפערטיל שטונדע אונ איזט ארויין צו ריק אין שטוב מיט איין פערפלאמטעס געזיכט · אונ מיט גרוים צארען אונ איזט אן געפאלין אויף איר מאן מיט אלארעם "אמלמד בלייבט אמלמד" האט זיא אן גיהויבין צו שרייען אויף אים "שטייט וואו איז עם דיינע אויגען, מע האט דיר גאר געגעבין אבאק אן שטאט אציג, נון איז ער אליין ארין אין שטעלכיל, דער צו נאך אפאר מענשין אנדערע שכנים, דער בעהעלפער אונ אלע האבין געזעהען דאס עס איז ווירקליך אבאק "קיין גוץ זאל דער ישובניק ניט האבין" האט זיך דר ר' עזר אפ גערופען, דער יונגאץ האט מיך בעטראגען, ער וועט אבער עס מוזען מיר אום בייטען" אונ האט אלזוי גענומען דעם

באק

בָּאק הַייְדֶע צוּ רִיק צוּא דֶעם יְשׁוּבְנִיק, זַייעֶנְדִיק אִין וועֶג הָאט עֶר ווידֶער אַיין גֶעקֶערְט אויף אַשְׁנַאפְּס אוּנ פִילַייכְט נָאךְ אויף אַמִיטָאג צוּ דֶעם הֶערְצִיל חָיְענְקֶעס, אוּנ הָאט אִים דֶער צֵיילְט זַיין אוּמְגְלִיק, דֶער ר' הֶערְצִיל הָאט גֶעהַאט מִיט אִים גְרוֹיס מִיט לַייד, הָאט אִים זַייעֶר גוּט אויף גֶענוּמֶען, הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוועֶן מִיט אַגוּטֶען טְרוּנְק בְּרַאנְפִין, הָאט אִים גֶעבֶּעטִין צוּם טִישׁ דֶער וַוייל הָאט עֶר אִים אוּמְגֶעבִּיטֶען דֶעם בָּאק ווידֶער אויף דֶר צִיג, דֶער מְלַמֶד וָואס הָאט פוּן דִיזֶעם בַּייט ווידֶער נִיט גֶעוואוּסְט הָאט זִיךְ אַוֶועק גִישְׁלֶעפְּט מִיט דֶער צִיג צוּם יְשׁוּבְנִיק אוּנ אִיז אויף אִים אַרוֹיף גֶעפַאלִין מִיט אַגְרוֹיסֶען לַארֶם דָאס עֶר הָאט אִים אַזוֹי בֶּעטְרָאגֶען אוּנ הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַבָּאק פַאר אַצִיג, עֶס וָוארִין בַּיי דֶעם יְשׁוּבְנִיק גְרַאד עֶטְלִיכֶע מֶענְשִׁין הָאבִּין זִיךְ אַלֶע אַרוֹיס גִיחַאפְּט דַארוֹיסֶען מִיט דֶעם ר' עוֹזֵר צוּ זַאמֶען. אוּנ אַלֶע הָאבִּין גִיזֶעהֶען אויף קְלָאר דַאס דָאס אִיז נוּר אַצִיג אוּנ קַיין בָּאק דֶער מְלַמֶד אִיז גִיוָוארִין רוֹיט ווִיא בְּלוּט פוּן שַׁאנְדֶע. דֶען יֶעדֶער הָאט אִים אוֹיס גִילַאכְט דָאס עֶר קֶען נִיט אוּנְטֶער שֵׁיידֶען צוּ ווִישֶׁען אַצִיג אוּנ צוּ ווִישֶׁען אַבָּאק, נוּן הָאט דֶער מְלַמֶד אִיבֶּער גֶעבֶּעטִין דֶעם יְשׁוּבְנִיק הָאט צוּ גִינוּמֶען דִיא צִיג אוּנ אִיזְט גִיגַאנְגֶען צוּא רִיק אַהֵיים. אוּנ הָאט אוּנְטֶער וֶועגֶענְס ווידֶער פֶערְקֶערְט צוּא דֶעם ר' הֶערְצִיל חָיְענְקֶעס דֶען עֶס ווִינְקְט אִים פוּן דָארְט אַרוֹיס אַבְּרֵייטֶער טְרוּנְק בְּרַאנְפִין אוּנ דֶער צוּ אַפֶּעטֶער אוּנ קַיין שְׁמָאלֶער בִּיסֶען, אוּנ אִיז אַרַיין אַהִין מִיט דֶער צִיג, הָאט אִיר דָארְטִין צוּ גֶעבּוּנְדִין צוּם זְלָאב אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּנ הָאט אָן גִיטְרָאפִין דֶעם ר' הֶערְצְלֶען גְרַאדֶע בַּייא דֶער פְלַאשׁ שְׁפִּירִיטֶעס».

«בָּרוּךְ הַבָּא ר' עוֹזֵר!» הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִים אָפְּגֶערוּפִין„ בָּרוּךְ הַבָּא צוּ אַגוּטֶען טְרוּנְק בְּרַאנְפֶן, נוּא הָאט אַייךְ דֶער יוּנְגַאץ

אוּם



אוּם גֶעבִּיטֶען צוּ רִיק דֶעם בָּאק אויף אַצִיג?» „דֶער גוּטֶער גִיבֶּענְטְשְׁ׳ שְׁוַוארְץ יָאר וַויס אִים» הָאט אִים דֶער ר' עוֹזֵר צִינְקֶעס גִיעֶנְטְפֶערְט «צוּ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַטָעוּת צוּ עֶר הָאט מִיר דָארְט בֶּאֱמֶת אוּם גִיבִּיטֶען, זַייא הָאבִּין מִיךְ דָארְט פֶער טוּמֶעלְט, לָאז שׁוֹין זַיין ווִיא עֶס אִיז אַבִּי אִיצְט פִיר אִיךְ שׁוֹין גֶעווִיס אַצִיג אַהֵיים» «אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעגְלוֹיבְּט» הָאט זִיךְ דֶער ר' הֶערְצִיל אָפְּגֶערוּפֶען דָאס דֶער יְשׁוּבְנִיק זָאל אַייךְ גָאר וָועלֶען עֶנְטְפֶערִין. דֶען עֶר אִיזְט דָאךְ אַמְפוּרְסָם פַאר אַיין קְרוּצֶעל, נוּן קוּמְט עֶסֶען אוּנְזֶער ר' עוֹזֵר צִינְקֶעס הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט צְווֵייא מָאל בֶּעטֶען, הָאט זִיךְ גֶעוואַסֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיין טִישׁ אוּנ הָאט זִיךְ רַאמָאנְסִירְט אַלַאנְגֶע צַייט מִיט דֶעם לַאבֶּען בְּרוֹיט מִיט דִיא שִׁיסֶעל פַאר וַוייסְטֶע בָּאצְווֶענֶע, אוּנ דֶער וַוייל הָאט דֶר ר' הֶערְצִיל אוּם גֶעבִּיטִין דִיא צִיג ווידֶער אויף דֶעם זָעלְבִּיגֶען בָּאק. אוּנ דֶער מְלַמֶד וָואס הָאט שׁוֹין גֶעהַאט וָואס אִין קָאפּ, אוּנ וַואר נָאךְ דֶער צוּ אויךְ קַיין גְרוֹיסֶער זְנַאטָאק צוּ פַר שְׁטֵיין גְרוּנְטְלִיךְ דֶעם אוּנְטֶער שֵׁייד צוּא ווִישֶׁען אַצִיג אוּנ צוּא ווִישִׁין אַבָּאק, הָאט נָאךְ דֶעם עֶסִין גֶענוּמֶען דֶעם בָּאק אוּנ אִיז אַוֶועק מִיט אִים אַהֵיים, עֶס וָואר דַאן גְרַאד עֶרֶב שַׁבָּת חֲזוֹן. פַאר נַאכְט שׁוֹין. עֶר הָאט קוֹים אוּסְפֵּייעֶט אַרַיין צוּא פִירֶען דֶעם בָּאק אִין שְׁטֶעלְכִיל, אוּנ אִיז אַוֶועק דַאוִונֶען, נוּן פַאר שְׁטֵייט זִיךְ דָאס פְרַייטִיג צוּ נַאכְט אִיזְט דֶער פוּן נִיט אַוָוארְט גֶערֶעט גֶעווָארֶען בַּייא דֶעם טִישׁ, דֶען עֶס אִיזְט דָאךְ דִבְרֵי חוֹל, אוּנ אַזוֹי מָארְגֶען אויךְ נִיט בִּיז בַּייא טָאג אַלְס דִיא וַוייבּ הָאט גִילֵייעֶנְט דִיא הַפְטָרָה אִין טַייץ חוּמָשׁ אוּנ הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאנַאנְדֶער גֶעווֵיינְט אִין דִיא וֶוערְטֶער אוּנ קַיין בֶּעק ווִיל אִיךְ נִיט (וְעַתּוּדִים לֹא חָפַצְתִּי)· דֶען זִיא הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט אָן דֶעם

שרעק

שְׁרֶעק וָואשׁ זִיא הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם וָואשׁ אִיר מַאן הָאט גִוֶועסְט פַאר בִּיטֶען דִיא צִיג אוֹיף אַבָּאק, אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּם מַאן שְׁנַייצִינְדִיק דֶעם נָאז, אוּנ ווִישֶׁענְדִיק זִיךְ דִיא טְרֶערִין מֶען מוּז הֵייסִין אֲגוֹיָה זָאל אוּיס מֶעלְקִין דִיא צִיג· דֶען מֶען הָאט דָאךְ אִיר שׁוֹין צְוֵוייא טֶעג נִיט גִימָאלְקִין, נוּן אִיזְט דָאךְ אַיין צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים, אוּנְד צְוֵוייטִינְס וֶועט אִיבֶּער גִיבְּרֶענְט וֶוערִין דִיא מִילְךְ ·

מֶען הָאט אַלְזוֹא בַּאקוּמֶען אֲגוֹיָה, מֶען הָאט אָבֶּער נִיט בֶּעקוּמֶען קֵיין צִיג נוּר אַבָּאק, אוּנ דִיא גוֹיָה אִיז גִיקוּמֶען צוּ רִיק מִיט אַלֵיירִיגֶע דָאנֶעצֶע, אוּנ מִיט אַפוּלִין גִילֶעכְטֶער, אוּנ הָאט דֶער צֵיילְט דִיא בַּעלֶעבָּאסְטֶע דָאס עֶס אִיז גָאר אַבָּאק אוּנ נִיט אַצִיג· נוּן הָאט זִיא אוּיס גֶעטָאצֶעט דֶעם מַאן דִיא מַארְךְ פוּן דִי בֵּיינֶער, דָאס עֶר הָאט קוּים דֶער לֶעבְּט אָפּ צוּ מַאכִין הַבְדָלָה, אוּנ הָאט שׁוֹין גִיוָואלְט הַיידַא מִיט דֶעם בָּאק צוּ רִיק צוּ דֶעם יִשׁוּבְנִיק, דִיא וַוייבּ הָאט אִים אָבֶּער פוּן זִיךְ נִיט אָפּ גֶעלָאזְט בִּיז זִיא הָאט אִים מוֹסֵר גִיוֶוען דִיא סִימָנִים וָואס שֵׁיידִין אוּנְטֶער אַצִיג פוּן אַבָּאק אוּנ הָאט עֶס זֵייעֶר גוּט מִיט אִים אַיין גֶעהַאזֶערְט דֶען עֶר הָאט גִיהַאט אַיין זֵייעֶר שְׁוֶוערִין קָאפּ· עֶר אִיז מִיט דִיזֶער לֶעקְצְיָאן קוּים פַארְטִיג גֶעוָוארִין גֶעגִין טָאג, אוּנ דַאן מַארְשׁ מִיט דֶעם בָּאק, אוּנ דִיזֶע דְרִיטֶע רֵייזֶע הָאט זִיךְ נִיט גְלִיקְלִיכֶער גִיעֶנְדֶעט אַלְס דִיא עֶרְשְׁטֶע אוּנ דִיא צְוֵוייטֶע· דֶען עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט מִיט זִיךְ פָּארְט אַבָּאק, אוּנ דֶער צוּ נָאךְ וָואס פַאר אַבָּאק! אַבָּאק וָואשׁ עֶס אִיז שְׁוֶוער פוּן אִים לוֹיז צוּ וֶוערִין·

נוּר נִיט דָאס מֵיין אִיךְ, זָאל אַזוֹי זַיין אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים אוֹיף זֵייעֶר הֶערְץ וִויא עֶס וַואר אִים דִיזֶעם אָרֶעמֶען מְלַמֵד נֶעבֶּעךְ אַלְס עֶר אִיזְט גֶעוָואר גֶעוָוארֶען דַאס דָאס אִיזְט פָּארְט אַבָּאק





אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט דֶער מִיט וַוייטֶער שְׁלֶעפֶּען צוּא דֶעם יִשׁוּבְנִיק· אוּנ נָאךְ מֶעהֶר אַלְס עֶר הָאט צוּ רִיק אוֹיף גֶעבְּרַאכְט אַבָּאק, קוּרְץ דֶער פוּן, דִיזֶער אָרֶעמֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ דֶערִיבֶּער שִׁיר דֶעם גַאנְצֶען זְמַן צוּ רִיבֶּען, אוּנ עֶר וָואלְט נָאךְ בִּיז אַהֶער גֶעהַאט צוּ טָאן מִיט דֶעם בָּאק מִיט דֶער צִיג וֶוען דִי אָבְּצֶעשְׁטְוָוא פוּן זַיין שְׁטֶעטֶל וָואלְטֶען זִיךְ נִיט אַרַיין גֶעמִישְׁט אִין דִיזֶעם שְׁוֶוערֶען עֵסֶק קוֹדֶם כָּל דָבָר הָאבִּין זֵייא גֶעמַאכְט אַיין פָּאוָואלֶנֶעם אָפִּיט אוֹיף דֶעם מְלַמֵד דָאס עֶר אִיזְט אַיין בְּרַאוֶוער עֶרְלִיכֶער מַאן אוּנ אִיזְט זֵייעֶר וַוייט פוּן אַיין אָבְּמַאן, צְוֵוייטֶענְס הָאבִּין גֶעשְׁוָוארֶען צֶעהֶען עֵדוּת דָאס מֶעהָאט גֶעזֶעהֶען וִויא עֶר הָאט אַרַיין גֶעפִירְט אִין שְׁטֶעטֶעל אַבָּאק גָאר מִעִיקָרָא· אוּנ דָער יִשׁוּבְנִיק הָאט גֶעמוּזְט אָפּ בְּרֵיינְגֶען אַצִיג אוּנ צוּא נֶעמֶען דֶעם בָּאק וֶועלְכֶען עֶס הָאט אוּנְטֶער וֶועגִינְס דֶער ר׳ הֶערְצֶעל אוּם גֶעבִּיטֶען ווִידֶער אוֹיף אַצִיג·

נוּן הָאט דֶער יִשׁוּבְנִיק גֶעמֵיינְט דָאס מֶען הָאט זִיךְ דָארְט בַּייא דֶעם מְלַמֵד פֶערְבִּיטֶען דֶעם בָּאק אוֹיף דֶער צִיג אוּנ הָאט שׁוֹין דַאהֶער אַלֵיין גֶעוָואלְט אָפּ בַּייטֶען דִי צִיג אוֹיף דֶעם בָּאק· אוּנ הָאט אָפּ גֶעשִׁיקְט דִיא צִיג, אוּנְטֶער וֶועגֶענְס אָבֶּער וַואר עֶר ווִידֶער פֶערְבִּיטֶען אוֹיף אַבָּאק, נוּן וַואר אַלְס דִיא שְׁטֶעטֶעל לַייט הָאבִּין גֶעזֶעהֶען דָאס דֶער יִשׁוּבְנִיק ווִיל ווִידֶער אַרוּיס בֶּעקוּמֶען דִיא צִיג פַאר דֶעם בָּאק· הָאבִּין זֵייא דֶעם בָּאק דֶער הַאלְטֶען אוּנ הָאבִּין אִים אַיין גֶעשְׁפַּארְט אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם דָאס עֶר זָאל זִיךְ דָארְט פִיטֶערֶען בִּיז עֶר וֶועט בֶּעקוּמֶען אַמוּם, דָאךְ אוּם ווִינְטֶער לֵייפְט עֶר דָארְט אוּם אִיבֶּער דִיא שְׁטֶעטֶעל, אוּנ פַאר קֶערְט זֵייעֶר אָפְּט צוּא דֶעם ר׳ עוֹזֶר צִינְקֶעס·

«דיא עשטעפעטע (שטעפ עט)»

פאר צייטען אלס עס וואר ערלויבט צו האלטען אין דיא ליטוועשע שטעט ווארשעווער צעטלאך האט געוואונט אין דער דיתאוויצנע איין גרויסר באלעבאס וואס וואר אגרויסער בעל נחלה אונ אגרויסער סוחר, אונ איזט געוועזען דאן אזוא גוט אין מעמד דאס ער האט געקענט אוים שטעלען גאר אין אקורצע צייט דרייא איידעמס אין מזרח וואנט פון גרויסען בית המדרש אופאלגע פארמע, דאס הייסט מיט פיקסענפוטערס וואס ווארען מיט לאנגע ארבעל, מיט טייערע שויבעלנע היטלען קיילעכדיקע מיט גרויסע זילבערנע בתים, מיט גרויסע זייגערש אונ מיט זילבערנע חנוכה לאמפען, אונ דאס איזט קיינע קלייניקייט, עס איזט פיל לייכטער אוים צו טויערען דריי מזרח ווענט אין גאנצען אונ נאך איין אלמעמער דער צו אלס אזעלכע דרייא פאחאלקעס וואס האבין זיך פיל וויניגער געהאלטען אלס איין זאמדקערענדיל דארויף,

נון צו דר עלטר אלס דיא אונגעצויגענע, אונ פערצויגענע קינדער זיינע האבין זיך אן געהייבין אריין צוא מישען אין זיינע גישעפטין וואס זייא האבין זייא גאר ניט פערשטאנען אונ אונ האבין עס זייער גוט פערדארבין וואר דיזר שוין געצוואונגן צוא פערברעכען זיין זאגרעניצנעם עסק גאנץ בעצייטען ניט אנזעצענדיק דארט אגראסן וואס די היינטיגע וועלט האלט עס גאר פאר קיין זינד וויא אלע אנדערע עבירות וואס זייא ערלויבין זיך דארט צו טאן *) אונ איז זיך גיווארין איין גלאוונער ווארשעווער

קאליקטאר

*) עס איז צוא בעוואונדערען דאס כמעט אלע וואס פארען



קאליקטאר, אונ האט זיך דער פון גענערט בכבוד כמה יאר אלע וואס האבין בייא אים געהאלטען צעטלאך ווארען פון אים העכסט צו פרידען דאס פון זייערט וועגען וואלט געוועזען ביי זייא רעכט צו גיווינען ביי אים חאצבי אמיליאן דען זיי האבין גיוואוסט דאס ער איזט גאר קיין בערייסער בייא אגעווינס.

לבד דעם וואר ער אגרויסער למדן איתשן, אירא אלקים, אונ אגרויסער מדקדק במצות, אונ וואר אלזוא זייער חשוב אין שטאט אונ וויל קיין זאך איזט דאך ניט טא אין דער וועלט וואס זאל קיין נאמען האבין, מוזען מיר אלזוא דיזען בראווען מאן אויך געבען אנאמען, עס וועט גענוג זיין פאר אונז דאס ער זאל הייסען ר' זיסקינד, אנאמען וואס פאסט פאר אשטאלנעם מענשען אונ בפרט פאר אזעלכען וואס מע איזט אים זייער אפט מכבד מיט סאנדיקע.

נון האט זיך איינמאל געמאכט דאס גראד אין דעם שבת וואס ער האט געמאכט איין שיינעם מארגען מאל צייט פאר גוטע

פריינד

זאגראניצנע ערלויבין זיך דארט צו טאן אזעלכע ענינים וואס עס וואלט זייא קיין מאל ארויף קומען אויף דעם געדאנקען צוא טאן דער פון אמקצת אין דער מדינה הן אין געלט זאכען אונ הן אין אמונה זאכען, אונ זייען מקיים ריכטיג וואס די גמרא זאגט ווען איינר איזט צו פיל אריין געטאן אין תאוות זאל ער אוועק אין אזו איין ארט וואו מען קען אים ניט אונ זאל טאן וואס ער וויל» דאס איזט אבער געמיינט נור דאס עס זאל וויניגשטענס ניט מחולל ווערען דורך אים שם שמים, נון זאגט אבער דער פסוק דער בייא (אלהי מקרוב אני ולא אלהי מרחוק) דאס הייסט איך בין זאגרעניצע אויך,

פְרַיינְד וַוייל עֶר אִיזְט גֶעוָוארֶען אִין דִיזֶעם טָאג אֶבֶּן שַׁבְּעִים אִיזְט צוּא אִים גֶעקוּמֶען אֵיינֶע עֶסְטַאפֶעטֶע פוּן וַוארְשֶׁע , אוּנ דִיזֶע טֶעג וַואר דִי צִיהוּנְגְס צַייט פוּן דֶעם פִינְפְטֶען קְלַאס , עֶס אִיז גֶעוָוארֶען דֶער פוּן דִי שְׁטָאט גַאנְץ אוֹיפְגֶערִירְט דֶען עֶס אִיז נִיט גֶעבְּלִיבִּין אַקִינְד אִין וִויג וָואס הָאט שׁוֹין אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע נִיט גֶעוואוּסְט פוּן דִיזֶעם עֶסְטַאפֶעט , יֶעדֶערֶער וָואס הָאט גֶעהַאט פוּן אִים אַצֶעטֶעל , הָאט אָן גֶעהֵייבִּין פְרִיעֶר צוּא אַטְמֶען צוּא הָאפֶען צוּא בֶּעטְרַאכְטֶען זַיין מֵייֶדעל צוּ אִיז זִיא שׁוֹינְרָאוּי אֶשִׁידוּךְ צוּא טָאן , אוּנ אַזוֹא צוּ מַאכֶען אַנְדֶערֶע שְׁפִּיקוּלַאצְיָאנֶען , דִיא קַאלֶעקְטָארֶען אָבֶּער זַייֶען שׁוֹין נִיט אַיינְגֶעזֶעסֶען אִין דֶער הֵיים, אוּנ זַיינֶען גֶעפְלוֹיגֶען וִויא צֶעהֶען שָׁאק רוּחוֹת וָואלְטֶען זֵייא גֶעטְרָאגֶען , דֶער הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען דִיא קַאשֶׁע , דֶער דֶעם קוּגֶעל אוּנ זַייֶען גֶעקוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוּנְטֶער אוּנְטֶער קַאלֶעקְטָרֶען צוּא דֶעם רֶ׳ זִיסְקִינְד , הָאבִּין אִים דֶער וִויסְט בַּייא דֶעם טִישׁ אָקֶערְסְט גֶעמַאכְט אַמוֹיצֶה דִי זוּפֶּעצֶע מִיט דִי הָאקֶען אָפְגֶעשְׁפִּילֶט, אוּנ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ «וָואס גוּטְס וֶועט אִיר זָאגֶען קִינְדֶער» ? הָאט עֶר זֵייא גֶעפְרֶעגְט מִיט אֵיינֶער שְׁמֵייכְלֶענְדֶען מִינֶע «גְרַאדֶע אוּמְגֶעקֶערְט» הָאבִּין זֵייא אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט «מִיר וִוילֶען הֶערֶען נַייעֶס פוּן אַייךְ אִיר הָאט דָאךְ אַשְׁטֶעפֶעט בֶּעקוּמֶען» נֵיין מֵיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט זֵייעֶר רוּאִיג «עֶס אִיזְט דָאךְ הַיינְט שַׁבָּת בַּייא אוּנְז , נוּן וֶועל אִיךְ קֵיין שְׁטַעפֶעט עֶפֶענֶען אוּנ נִיט לֶעזֶען אִין אַזוֹ הֵיילִיגֶען טָאג , אִיךְ וַואר כַּמָה יָאר אַלַייפְצִיגֶער סוֹחֵר אוּנ הָאבּ זִיךְ דַאן אוֹיךְ אַזוֹא גֶעפִירְט , דָאס שַׁבָּת אִיזְט מִיט גֶעשֶׁעפְט גָאר קֵיין מְחוּתָּן , נוּן שְׁטֶערְט אַייךְ נִיט אַייעֶר טִישׁ, עֶסְט אַייךְ אָפּ , אוּנ קוּמְט צוּ מִיר צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וֶועלֶען מִיר דֶער וויילֶע טְרִינְקֶען, אַגְלֶעזֶעלֶע מַשְׁקֶה , עֶרְסְטֶענְס וַוייל (אִיךְ וֶועל

אייך



אַייךְ נִיט לֵייקֶענֶען) עֶס אִיז בּ״ה גֶעקוּמֶען אַיין עֶסְטַאפֶעט , צְוֵוייטֶענְס בִּין אִיךְ הַיינְט שַׁבְעִים גֶעוָוארֶען" "הָא !„ הָאט זִיךְ אָפְגֶערוּפִין אֵיינֶער פוּן דִיא רַאזְנָאסְצִיֶקעס אִיךְ הָאבּ אַייךְ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט דָאס עֶס אִיזְט אִיצוּנְד אוּמְזִיסְט דֶער לֵייפֶען צוּ רֶ׳ זִיסְקִינְד, עֶס אִיזְט אַיין עֲבֵרָה , עֶר וֶועט אוּם שַׁבָּת נִיט לָאזֶען עֶפֶענֶען דֶעם עֶסְטַאפֶעט , נוּן לָאמִיר גֵיין אַהֵיים , אוּנ זַייֶען זִיךְ אַוֶועק אַהֵיים , אוּנ יֶעדֶער הָאט בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט דָאס אִיזְט אַמְלָאכָה פוּן אִים , אַזוֹא אַגֶעדוּלְד צוּ הָאבִּין , דָאס קֶען מֶער נִיט וִויא דֶער רֶ׳ זִיסְקִינְד״ .

לַאנְג וַואר דֶער טָאג וָואס יְהוֹשֻׁעַ הָאט אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט דִיא זוּן , נָאךְ לֵיינְגֶער אָבֶּער הָאט אוֹיס גֶעוִויזֶען דִיזֶער טָאג בַּייא אַלֶע צֶעטֶעל לַייט , אוּנ בַּייא דִיא קַאלֶעקְטָארֶען וַואר עֶר גָאר אַיין אֵייבִּיגְקַייט , דָאס מַאנְכֶע פוּן זֵייא הָאבִּין שׁוֹין גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶערֶען צוּ גֶעבֶּען קֶעסְט זֵייעֶרֶע אֵיידֶעמְס וַוייל זֵייא הָאבִּין דָאךְ נִיט צוּ גֶעזָאגְט אֵייבִּיגֶע קֶעסְט , עֶס אִיזְט אַיין עֲבֵרָה , מֶע הָאט שׁוֹין נִיט גֶעשְׁלָאפֶען בַּייא טָאג , מֶען אִיזְט נִיט גִיגַאנְגֶען הֶערִין דֶעם מַגִיד מֶע הָאט נָאךְ קֵיין יוֹם כִּפּוּר אַזוֹא גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם זֵייגֶער וִויא אִין דִיזֶעם שַׁבָּת , קוּרְץ דֶר פוּן מֶעהָאט וִויא עֶס אִיזְט מִיט גֶעוַואלְט אַרוּנְטֶער גֶעקְוֶועצְט דִיא זוּן אִין מַעֲרִב זַייט , מֶע הָאט גֶעדַאוֶוענְד מִנְחָה גְדוֹלָה , אוּנ מֶע הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט צוּא דֶעם ר׳ זִיסְקִינְד צוּא שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת .

שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בַּייא אוּנְז אִידֶען אִיזְט אַזוֹא אַמָאל צַייט וָואס מֶע הָאט דָאס רֶעכְט צוּא קוּמֶען אוֹיף אִים אוּנְגֶעבֶּעטֶענֶער הֵייט וִוי צוּ אַמַזָל טוֹב פוּן אַמֵייֶדעל וָואס מֶעגֵייט גָאר אַלֵיין אוּנ דָאס אִיזְט וַוייל פוּן דִיזֶען בֵּיידֶען מָאל צַייטֶען קוּמְט מֶען עַל פִּי רוֹב מִיט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טְרוּקֶענֶעם גוּמֶען מִיט וֶועלְכֶען מֶע אִיזְט אַהִין

געקומען

געקומען *) ביי אשלוש סעודות ווערט על פי רוב געמאכט נור אמוצה וועלכע מע עסט אויף מיט שווער נויט וויא דעם אפיקומן נאך דיא פעטע קניידלאך אונ עס ווערט דער ביא געזונגען זמירות אונ תורה געזאגט , אונ זינגען אונ זאגען זייען אזעלכע צוויא זאכען וואס נעמען קיין ענדע בפרט נאך וואו עס זייען דא אזעלכע וואס מיינען דאס זיי קענען ביידע , אונ צום אונגליק וואר דא ביא דיזעם ר׳ זיסקינד צו שלוש סעודות ווירקליך אזו איין איינער וואס וואר אמאל אמשורר ביא דעם קאשטאן אונ האט גאר קיין מעשה ניט געוואלט קענען זאגען תורה , אונ ווידער נאך איינער וואס האט געלערנט זיבן יאר אין וואלאזין אונד האט נאך געזונגען סענדערען דעם מירר גאר קיין מעשה ניט , אגב איזט דארט געווען אויך איין ארץ ישראל איד אקערסט געקומען פון אסטענע , דער צוא נאך אגלעזעלע משקה , נוא וויא מיינסט דוא מיינע טייערע לעזערין פאר אזעלכע דרייא צונגען דרעשער אדער אויער ריישער וואס פאר אבעטרעף עס

קען

---

*) ביא אונז אידען האט אמלמד , דער שלש סעודות אונ אפערד אלע דרייא איינז שיקזאל (מערכה) דאס זייא ווערען נור דער מאנט צום שלעכטען אבער ניט צום גוטען , למשל ווען מען פאר הערט דעם אינגעל אונ ער קען לויבט מען דעם אינגעל אבער ניט דעם מלמד , קען ער ניט שענט מען דעם מלמד , איזט דער שלוש סעודות אגוטער לויבט מען דעם שבת , איזט ער אשלעכטער שענט מען נור אים , איזט דר פערד גוט געפארן , זאגט דער בעל הגלה דאס ער איזט איין געלאפען אזוא פיל אונ אזוא פיל מייל אין אפאר שטונדין איז ער ניט גוט געפארען שילט ער דעם פערד אונ זאגט דאס ער איזט אפאדלע ,



קען האבען שוין פאר זייא דיא לייזכטע ווינטער נעכט , אביסען אויף אצאן , אונ פשיטה [illegible] איין זומער אווענד , דען קום האט דער משורר אויף געהערט צוא זאגען תורה , האט זיך ארויס געכאפט דער ישיבה מאן מיט זינגען , אונ קוים [illegible] געקאנצעט דעם צווייטען פאל ניט אן הייבענדיק דעם ערשטען וויל ער האט אים שוין לאנג געהערט אונ האט אים פערגעסען , האט זיך אריין געקוועטשט צו ווישען זייא דער צונג פון דעם ארץ ישראל איד אונ האט אן געהייבן צו דער ציילען גרויס וואונדער פון דעם מערב הפנימי וואס איזט ווייטער פון ירושלים אפולע מער אלס מיר פון ארץ ישראל , קורץ דער פון זייא האבין דארט איינע דיא אנדערע אבגעלויערט דיא מינוט דיא רגע דאס ער זאל מאכען אהפסק דאמיט איין אנדערער זאל שוין זיך לאזען הערען , למשל וויא עס גייט צוא אין אקלויז צו קינות וואו עס זייען עטליכע אהאטניקעס עס צוא זאגען .

«נון וואס האט זיך דער פון אויסגעלאזען ?» וואס׳ זאל זיך אויס לאזען פערדרייטע יארען זאלען זייא אלע דרייא האבין , אן שטאט דעם וואס מע האט זיך געריכט צו דאוונען מערב גאר בעצייטען , האט מען זיך געשטעלט דאוונען ערסט גאר נאך האלבע נאכט , אונ דאן איידער דער ארץ ישראל איד האט זיך ארום געדאווענד האט געווערט ווידער אגוטה שעה , אונ ביא אלעם דעם האט זיך דער ר׳ זיסקינד גאר ניט געאיילט , אונ האט ניט געשיינקט אפאלוסקע פון אלע זיינע דראביזקעס , האט זיך געזאגט נאך מערב זייער זאכט «דער גאט פון אברהם פון יצחק אונ פון יעקב בעהיט אונז פון דיין פאלק ישראל אונ נאך אזוא מאנכע שמאכטעס , אונ דא ווערט דיא שטוב ביא אים פולער אונ פולער דען עס האבין זיך אהין צוא זאמען זעלבסט

שרכנים

שַׁדְכָנִים אוּם צוּ וִויסֶען שׁוֹין צוּ ווֶעלֶען זֵיי קֶענֶען צוּ זַאמֶען בְּרֵיינְגֶען דִיא אוּנ דִיא שִׁידוּכִים וָואס עֶס הַאלְטֶען זֵייא אָפּ נוּר אֵיינֶע גֶעלְט אִינְטֶערֶעסֶע. אוּנְד יֶעדֶער בֶּעזוּנְדֶער אִיזְט שׁוֹין אוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן גְרוֹיס אוּנְגֶעדוּלְד, מֶע הָאט קוֹים דֶר לֶעבְּט צוּא הֶערֶען הַבְדָלָה, נוּא הָאט מֶען שׁוֹין גֶעמֵיינְט דָאס עֶס אִיזט שׁוֹין דֶר מִיט אַיין עֶנְדֶע גֵיין, דֶר ר׳ זִיסְקִינְד הָאט נָאךְ זְמִירוֹת אוֹיךְ גֶעזוּנְגֶען, נוּן מֶע אִיזְט דָאס אוֹיךְ שׁוֹין אִיבֶּער גֶעקוּמֶען אוּנ דַאן הָאט זִיךְ דֶער ר׳ זִיסְקִינְד אָפּ גֶערוּפֶען אִיר ווֶעט דָאךְ מִיר רַבּוֹתַי דָאס גֶעווִיס פֶערְצַייהֶען (מוֹחֵל זַיין) דָאס אִיךְ קֶען דִיא עָסְטַאפֶּעט נִיט עֶפֶענֶען פַר אַלֶעמֶען אִין דִיא אוֹיגֶען, אִיךְ מוּז עֶס פְרִיהֶער אַלֵיין אִיבֶּער לֵייעֶנֶען דֶען עֶס קוּמְט מִיר נָאךְ גֶענוּג גֶעלְט פוּן לַייטֶען פַאר צֶעטְלַאךְ.

אוּנ דִיזֶעם זָאגֶענְדִיק אִיזְט עֶר אַרַיין צוּא זִיךְ אִין זַיין גַאבִּינֶעט אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט פֶערְשְׁלָאסֶען, אוּנ אִיזְט דָארְט פַר בְּלִיבִּין נָאךְ לֵיינְגֶער אַלְץ מֶען ווָאלְט דַארְפֶען אַגַאנְצֶען זוּרְנַאל דוּרךְ לֶעזֶען «אֵייא פֶערְגֶעווִיס הָאט עֶר גְמוּזְט דָארְט בְּלַייבִּין אִין אוּנ מַאכְט» הָאט זִיךְ דִיא וַוייבּ אָבּ גֶערוּפֶען, אַקְאשֶׁע אֶפְשֶׁר אִיזְט אִים אַרַיין גֶעפַאלֶען דִיא גְרוֹיסֶע גֶעוִוינְס, אוּנ עֶר הָאט אַנַאטוּר נוּר עֶפֶּעס צוּא בְּלַייבִּין «דִיא צְווֵייא ווֶערְטֶער אַרַיין גֶעפַאלֶען דִיא גְרוֹיסֶע גֶעווִינְס» הָאבִּין אִין דֶער זֶעלְבֶּע רֶגַע דוּרךְ גֶעראשְׁט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט, בִּיז דִיא קָאמִינֶעס, אוּנ דִי לִיגֶע (דָאס לִיגֶען) הָאט אִין אֵיינֶער סֶעקוּנְדֶע גֶעשְׁפְּרָאכֶען מִיט אִיהְרֶע טוֹיזֶענְדֶע צוּנְגֶען. דָאס דִיא אוּנ דִי הָאבִּין עֶס גִיוואוּנֶען, אוּנ מֶען אִיזְט זֵייא שׁוֹין גֶעוָואךִין שׂוֹנְאִים, מֶען הָאט מְכַלָה גֶעמַאכְט זֵייא שִׁידוּכִים אוּנ אוֹיס גֶעדֶערְצֵיילְט אִין פֶערְטְרוֹיטֶע עֶרְטֶער ווִיא וַוייט זֵייא הָאבִּין בִּיז אַהֶער גֶעשְׁווִינְדֶעלְט, אִין אַזֶעלְכֶע

ערטער



עֶרְטֶער ווָאס הָאט זֵייא דָאס זֵייעֶר גֶעשַׁאדֶעט צוּא זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטֶען.

דֶער וַוייל‍ֶע הָאט מֶען אָן גֶעהֵייבִּין צוּא קְלַאפֶּען בַּייא דֶעם ר׳ זִיסְקִינְד אִין טִיר, עֶר הָאט אָבֶּער נִיט בַּאלְד גִיעֶפֶענְט, אוּנ אַלְס מֶען הָאט צוּ גֶעלֵייגְט דֶעם אוֹיעֶר צוּם טִיר הָאט מֶען גֶעהֶערְט דִיזֶע ווֶערְטֶער «יְהִי ד׳ מְבוֹרָךְ» אוּנ דִיא וַוייבּ אִיזְט גֶעוָוארִין מִיט דְרַייסִיג יָארֶען אִינְגֶער, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיזְט בֶּעסֶער צוּ פֶער בַּייסֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער מִיט אַגוּטֶען בִּיסֶען, בַּאלְד דַארוֹיף אָבֶּער הָאט זִיךְ גִיעֶפֶענְט דִיא טִיר אוּנ מֶעהָאט דֶער זֶעהֶען דָארְט דָאס דִי שְׁפִּיגְלֶען, דִי פָּאטְרֶעטֶען זַיינֶען אוּם גֶעקֶערְט. אוּנ עֶר אַלֵיין זִיצְט אָן שִׁיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד שִׁבְעָה נִיט פַאר אוּנְז גֶעדַאכְט, אוּנ הֶעטֶע מֶען עֶס מִיט דִיא אוֹיגֶען נִיט גֶעזֶעהֶען ווָאלְט מֶען עֶס נִיט גֶעגְלוֹיבְּט דֶען ווֶער הָאט עֶס גֶעקָאנְט דַארוֹיף פַאלֶען דָאס אַאִיד פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר ווָאס הָאט נִיט אִין זִיךְ אַשְׁוַוארְצִין הָאר זָאל נָאךְ הָאבֶּען אַיין אַלְטֶען טַאטֶען, זֶעלְבְּסְט דִיא שְׁנוּר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָן אִים פֶערְגֶעסֶען. דֶען בַּייא אוּנְז אִידֶען פֶערְגֶעסְט מֶען זִיךְ אָן פִיל אִינְגֶערֶע עֶלְטֶערְן, נוּן פֶערְשְׁטֵייט שׁוֹין גֶענוּג יֶעדֶער פוּן אוּנְז דָאס דִיא עֶשְׁטַאפֶעטֶע וַואר אַבְּרִיף: צוּא אִים דָאס זַיין פָאטֶער אִיזְט גֶעשְׁטָארְבִּין אוּנ מֶעהָאט פוּן אִים גֶעמָאנְט קַדִּישׁ, מִיט לַאנְגֶע נֶעזֶער ווִיא דִיא חִינֶעזֶער, אִיזְט דֶער עוֹלָם פוּן דָארְט גֶעגַאנְגֶען צוּ רִיק אִין יֶעדֶערֶער אִין זַיין אָרְט פֶערְקְלֶעמְט אוּנ פֶער שֶׁעמְט, עֶס וַואר יֶעדֶערֶען ווִינְד אוּנ וֵוייא, ווָאס זַיינֶע גָאלְדֶענֶע הָאפְנוּנְגֶען זַיינֶען גֶעוָוארֶען צוּא וַואשֶׂער אוּנ צוּא שְׁנֵייא.

דִיזֶע לַאטֶערֵיי גְלִיקֶען הָאבִּין שׁוֹין מֶעהְר אַלְס אֵיינֶעם

צוא

צום נארען געמאכט אין דיזעם לעבין, דא ניט לאנג האט איין גרויסער קאנטאריסט וואס האט קיינע פרויא געהאט האט בעקומען צוא ווישען זייער פריא צייטיג דאס דער אונ דער נומער וועלכען עס האט געהאלטען דאן דיא קאמער מיידכען פון זיינער ניט לאנג געשטארבענער פרויא האט געוואונען דיא גרויסע געווינס צוויא מאל הונדערט טויזענד טאלער אונ האט זיא דאהער זייער שנעל (געשווינט) געהייראטעט (דאס הייסט התונה געהאט מיט איר), אונ עס וואר באלד נאך דער חופה אלס ער האט איר אן געזאגט דאס זיא האט דיא גרויסע לאטעריעה געוואונען איזט זיא געבליבען אין אונמאכט· אונ אלס מען האט איר אפ געמינטערט אונ זיא האט שוין אזוי ווייט געקענט שפרעכין דאס זיא האט געקענט אויס ריידין דיזע ווערטער א וויא אונז ביידען איך האב פאר געסטערין דעם צעטעל פאר קויפט איזט ער געלאפען זיך טרינקען, א אזו ווייט קען אונ וויל זיך דער מענש אומגליקליך מאכען אום זיך נור גליקליך צו מאכין, דאך אבער ניט אום זיך גליקליך צו מאכען באמת ווייל דאס וואהרע גליק איזט וויא דיא געזונד הייט זיא קומט ניט פון דרוישען נור פון איינע וויינינג· אונ בעשטייט נור אין ניט אונגליקליך צוא זיין אונ ווייטער ניכטץ, דאס הייסט ווען מען נור ניט קראנק אונ ניט ארעם איזט, אונ דער צו איין פרייען מוט אן קנאה אן שנאה אן רודף צו זיין אחר הכבוד·

וכן ראיתי) אונ אזו האב איך געזעהען מעהר גליקליכע אונטער דעם· מיטעלען שטאנד אלס אונטער דיא רייכען, אונ זעלטען גאנץ זעלטען טרעפט, דאס איין גרויסע געווינס זאל

זיין



זיין פון געדייהען, אונ דאס מעזאל זיך מיט אים לאנג ער פרייען·

## דיא צווייא ארעמע בחורים

קיין מדה רעה אין דער וועלט האט ניט אין זיך אזו פיל פערשיידענע סארטין אונ גראדען אלס די מדה פון קבצנות דאס הייסט בעטלעריי אונ עס דארף איין חבור פון כמה וכמה בויגענס פאר נעמען אום ריכטיג צוא בעשרייבין, איר יעדען סארט, דען זיא איזט אזוא גרויס וויא יעקב אבינוס לייטער, איינגעקלעמט (איינגעקוועצט) צוא ווישען הימעל אונ ערד אונ אויף יעדען פון איהרע טויזענדע שטאפעלען, שטייען אלץ איין אנדער קלאסע בעטלער איינער אלץ העכער פאר דעם אנדערין וואס קוקט אויף אים אראפ מיט גרויס פעראכטונג, אזוא האלט זיך פיל העכער דער בעטלער וואס גייט מיט אקאסעק קלייבען שטיקלאך ברויט פאר דעם יעניגען וואס גייט עס קלייבין מיט אטארבע, אונ דער וואס גייט מיט אפוסקע איבער דיא הייזער האלט זיך פיל געהייבענער פאר דעם וואס שטעלט אן אהוילע האנד, אונ דער מחבר וואס גייט בעטלען מיט זיין ספר האלט זיך פיל חשובער פאר אבעטלער אנשרף, איין ארץ ישראל משולח האלט זיך העכער נאך פאר זייא אלעמען, אונ אבדחן ביא אשמחה טיש איזט שוין ביא זיך גאר אשררה, אונ ווער רעט שוין פון אכלי קודש, אונ אזו ווייטער, ביז איין ארעם בחור וואס עסט טעג, וואס איזט שוין בענאהע (כמעט) אין יעדער שטוב וואו ער עסט פיל ליבער אלס איין שטיף זון, אדער בעסער צו זאגען אלס קאנדעדאט איין איידעם צוא ווערען דארט, גענוג איך שטעל מיר ביא דיזער קלאסע בעטלער אפ ווען אויך עס

זייען

זייען נאך דא איבער זייא מיט טויזענד גראדען העכערע, אונ אזו פיל דאס גאר אקליינער צאל פון דעם כלל מענשען בלייבען איבער נור פאר עכטע אונ ריינע נותנים*) ;

נון שטעל איך מיר אפ ביי דעם שטאפעל פון דעם בעטעל לייטער אויף וועלכען עס שטייען די ארעמע בחורים, ניט ווייל איך האב פחד ווייטער צו שטייגען דאס עס זאל מיר ניט דעם קאפ שווינדלען ניין, איך שטעל מיך דא אפ נור דארום ווייל מיינע ערציילונג איז נור פון צווייא ארעמע בחורים וואס עס האט זיך מיט זייא געטראפען פאר איאר פערציג אין אונזער אילון אונ גראדע אויף טייצעשע גאס עס איזט צוואר איינע קליינקייט אונ דאך גענוג איז ווערט דאס מען זאל עס ניט פערגעסען, ווייל מיר געפינען דאס דורך איינע קלענסטע קליינקייט געשעהעט אמאל די גרעסטע גרויסקייט, דורך דער געשרייא פון עטליכע גענז איזט אמאל די שטאט גערעטעט געווארען, דורך אווייבערשען ליילאך זייען כמה פרויען דר שטיקט געווארען אין אונזער ווייבערשע שול, אונ דורך דיזער געשיכטע פון די צווייא ארעמע בחורים, איזט געווארען דאן אלארעם אין שטאט דאס די קיילער קוילען שוין די אידען, אונ דאס האט אן געמאכט שאדען איבער שאדען,

מיט

*) אין אונזער צייטען זייען שוין דא שיינע עטליכע קהילות אונ זייען שוין דורך אוים מחוסר פרנסה, ניט פאר אונז געדאכט אונ זייען שוין געקומען צוא אזוא אגראד דאס זייא אלע דורך אוים עסען טעג איינער ביי דעם אנדערען אונ האבין אבער דאהר זייער קרעדיט גאר אין גאנצען פערלארען, ווייל מע געפינט זייא קיין מאל ניט אין דער היים,



מיט איאר פערציג צוא ריק, זייען אן געקומען קיין אילון צווייא ארעמע בחורים גאר ניט געריכטער היינט, איינער וואר פון דזיוויעניסאק, אונ דר אנדערער וואר פון וואסילעסאק, צווייא קהילות וואס זייען ווילנא מספיק מיט אייער, מיט דינסטמאדן מיט מלמדים, אונ ברייגנגען זיך אונטער דר צו אלע מאל אטראנס־פארט ארעמע בחורים אלס באריש, דאס הייסט ניט אין שצאט, נון לאמיר אונז אומקערען צו אונזער צווייא ארעמע בחורים, איינער וואר אלזוא איין וואסיליסקער אונ דער אנדערער וואר איין דזיוויענסקער, אונ דיזע נעמען אליין איזט שוין גענוג פר ארעמע בחורים דען נאך האט זיך ניט געטראפען דאס מע זאל זייא אין די קלויזען רופען מיט זייערע אייגענע נעמען וואס מע האט זייא אנאמען געגעבין בשעת ברית, מע רופט זייא דארט אלץ נאך די נעמען פון זייערע שטעט, דער שטאקלישקער, דער אייסעשקער, דער לאהיסענער, דער ציושקער, דר קרעלעצר אונ זייא רופען זיך אויף דער שטעלע אפ, אונ דער פון וואקסט אויך דער מויצעטער עילוי דער קאדנער עילוי, דער חומעצר פרוש, קיין אייגענער נאמען קיין מאל ניט טא הלוואי ווייטר.

די צווייא ארעמע בחורים זייען אן געקומען קיין אילון באלד נאך פורים אונ זייען אריין אין אקלוז, אונ האבין זיך געזעצט לערנען, מיט איאר פערציג צוא ריק ווארען ארעמע למדים פיל מער אין דר מאדע אלס ארעמע בחורים, ערסטענס ווייל אין יענע צייטען האבן געגראסירט (האבין זיך זייער געשטארקט) די בהלות ניט איצטער דר מאנענדיק, אונ קינדער פון צוועלף יאר האבין שוין געלאזט וואסען זייערע טליתים ביי דעם שטאט בעשעל, אונ אבחור פון דרייצען יאר וואר אויף דער ווייסען וועלט ניט צו זעהען, אונ צווייטענס האבין נאך דאן די

עלטערין

עֶלְטֶערֶען נִיט גֶעשְׁמַיְיסֶט אַרוֹיף צוּ וַוארְפֶען זַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף פְרֶעמְדֶע שְׁטֶעט, אוּנ מֶער וִויא שְׁוֶועֶרֶען וָואס הָאבִּין נִיט גֶעוָואלְט גֶעבֶּען דִיא קֶעסְט וָואס זֵיי הָאבִּין צוּ גֶעזָאגְט דִיא אֵיידֶעמְס הָאבִּין עֶס נִיט גֶעטָאן, אוּנ דַאהֶער הָאבִּין זִיךְ אוּנְזֶערֶע צְוֵוייא אָרֶעמֶע בַּחוּרִים גֶענוּג אָן גְלִיטֶען בִּיז זֵייא הָאבִּין זֵייעֶרֶע גֶעהֶערִיגֶע טֶעג בֶּעקוּמֶען אוּנ זֵייעֶרֶע שַׁבָּתִים, אוּנ דָאס אוֹיךְ דוּרְךְ צְוֵוייא נִסִים, עֶרְשְׁטֶענְס וַוייל עֶס וַואר שׁוֹין פַאר פֶּסַח, זַייעֶן פִיל אָרֶעמֶע לוֹמְדִים אָפּ גֶעפָארֶען אַהֵיים, אוּנ צְוֵוייטֶענְס וַוייל זֵייא הָאבִּין דֶעם שַׁמָּשׁ גֶעגֶעבֶּען צוּ הַאלְבֶּע רוּבִּיל, נוּן וֶועל אִיךְ דָא פוּן זֵייעֶרֶע טֶעג גָאר נִיט רֵיידֶען נוּר פוּן זֵייעֶרֶע שַׁבָּתִים, דֶער וַואשִׁילֶעסְקֶער וָואס וַואר אַבִּיסֶעל עֶלְטֶער אוּנ שֶׁענֶער, אוּנ דֶער צוּ נָאךְ גְלַאט צוּא לִיבּ דֶעם נָאמֶען וַואסִילֶעסָאק אַלֵיין הָאט עֶר אִים דֶער שַׁמָּשׁ בֶּעשְׁטֶעלְט שַׁבָּתִים בַּייא אַגְרוֹיסִין גְבִיר וָואס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִויא אַיין פִּירְשְׁט, אוּנ דֶעם דְזִיוִויֶענֶעסְקֶער הָאט עֶר בֶּעשְׁטֶעלְט בַּייא אַיין שֵׁיינֶעם בַּאלֶעבָּאס פוּן מִיטֶעלֶען שְׁטַאנְד, אוּנ עֶס וַואר אַלֶם זַייא זַייעֶן גֶעקוּמֶען פְרַייטִיג צוּ נַאכְט נָאךְ וֶועטְצֶערֶע צוּ רִיק אִין קְלוֹיז הָאט דֶער דְזִיוִויֶענֶעסְקֶער אָרוּם בָּחוּר דֶער צֵיילְט דֶעם וַואשִׁילֶעסְקֶער אָרוּם בָּחוּר וָואס פַאר אַשַׁארְפֶע וֶועטְצֶערֶע עֶר הָאט גֶעהַאט «עֶס וַואר חַלָּה וַוייס וִויא דִי שְׁנֵיי פוּן הִימֶעל, פִישׁ גֶעקָאכְט מִיט זַאפְרֶען מִיט רָאזִינְקֶעס וִויא אוֹיף אַשִׂמְחָה, עֶס וַואר אוֹיךְ חְרֵיין צוּ פְלֵייש, אוּנ אַיין פְלוֹימֶענְצִימֶעס» אִיךְ הָאבּ עֶס בַּייא מַיינֶער מוּטֶער אִין קִינְדְהֵייט נִיט גֶעגֶעסֶען, נוּן זֶעה אִיךְ טַאקֶע בְּחוּשׁ דָאס וָואס אַוֶועלְט זָאגְט דָאס אִיבֶּער וִוילְנֶער יָמִים טוֹבִים אוּנ שַׁבָּתִים אִיזְט טַאקֶע נִיט דָא».

«אַייא!» הָאט זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען דֶער וַואסִילִיסְקֶער אַייא וָואס וָואלְסְט דוּא שׁוֹין גֶעזָאגְט וֶוען דוּא וָואלְסְט גֶעוֶועזֶען שַׁבָּת

בייא



בַּייא מַיין בַּאלֶעבָּאס, בַּייא דֶעם גְרוֹיסִין גְבִיר, קוֹדֶם כָּל דָבָר הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבֶּען קִידוּשׁ מַאכֶען אוֹיף אַגְרוֹיסֶען זִילְבֶּערְנֶעם בֶּעכֶער זִיסֶען וַויין, דֶער נָאךְ הָאט מֶען יֶעדֶערֶען בֶּעזוּנְדֶער גֶעגֶעבֶּען אַקִיטְקֶע גֶעבַּאקֶען אוֹיף זַאפְרֶען מִיט רָאזֶענְקֶעס לְהַבְדִיל וִויא אוֹיף שְׁבוּעוֹת, דֶער נָאךְ רוֹיטֶע בְּרַאנְפֶען, צְוֵוייעֶר לֵייא פִישֶׁען, צְוֵוייעֶר לֵייא זוּפֶּע, דְרַייעֶר לֵייא פְלֵיישֶׁען, מִיט סָאקִ' מִיט אוּגֶערְקֶעס, דֶער נָאךְ אַרָאזֶענְקֶע צִימֶעס, גָאר דֶער נָאךְ טָארְט מִיט וַויין, דֶער דְזִיוִויֶענִיסְקֶער הָאט עֶס גֶעהֶערְט מִיט אַגְרֶעסֶערֶען חֵשֶׁק אַלְם דֶעם שִׁיעוּר, אוּנ עֶס אִיזְט אִים גֶעלָאפֶּן דִיא סְלִינֶע פוּן מוֹיל, אַזוֹא אַגֶעשְׁפְּרֶעךְ וַואר אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דֶעם צָאלֶענְט, אוּנ דֶער דְזִיוִויֶענִיסְקֶר, הָאט עֶס אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען, אוּנ הָאט בַּייא זִיךְ גֶעשְׁלָאסֶען דָאס נִיט אַנְדֶערְס דָאס עֶר מוּז אַהִין אָן קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּתִים, אוּנ וַוייל דָאס קֶען דָאךְ מֶער נִיט גֶעשֶׁעהֶען וִויא דוּרְךְ דֶעם שַׁמָּשׁ, אוּנ דֶער שַׁמָּשׁ וֶועט עֶס דָאךְ נִיט וֶועלֶען טָאן אוּמְזִיסְט, אוּנ קֵיין גֶעלְט הָאט עֶר נִיט, הָאט עֶר זִיךְ צוּ לִיבּ דֶעם פַאר דוּנְגֶען אוּנְטֶער צוּא הַאלְטֶען דֶעם דָארְטִיגֶען חַזָן אִיבֶּער יוֹם טוֹב, דֶען עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַבִּיסֶעל זִינְגֶען, אוּנ דֶער חַזָן וָואס הָאט אִים נוּר גֶענוּמֶען פַאר אַיין פְרִיטִיזָאנֶעם אִיבֶּער דִי רֶעסְטֶע פוּן דִיא אַרְבַּע פַּרְשׁוֹת אוּנ אִיבֶּער פֶּסַח, הָאט אִים גֶעגֶעבֶּען אַרוּבִּיל, אוּנ דִיזֶען רוּבִּיל הָאט דִיזֶער דְזִיוִויֶענִישְׁקֶער אָפּ גֶעגֶעבֶּען דֶעם שַׁמָּשׁ, דָאס עֶר זָאל אִים אוּים פְּרַאוָוען זַיין מְבוּקָשׁ, אוּנ דֶער שַׁמָּשׁ הָאט עֶס דִיא זַאךְ זֵייעֶר קְלוּג אוּים גֶעפִירְט, דָאךְ נִיט אַזוֹא גִיךְ וִויא עֶס רֶעט זִיךְ, עֶס אִיז עֶרְשְׁט אַרוֹיס, גֶעקוּמֶען דִיא זַאךְ בְּפוֹעַל אוֹיף שַׁבָּת הַגָּדוֹל.

פְרַייטִיג נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג הָאט דֶער שַׁמָּשׁ מוֹדִיעַ גֶעוֶועזֶען

דעם

דעם וואסילעווסקער דאס ער האט אים בעשטעלט שבת אנדערים וואו דאס הייסט ביא דעם זעלביגען באלעבאס וואו דער דזיוויעניסקער האט געגעסען, נון וואר ער ניט קראנק צוא פערשטיין, דאס דר דזיוויעניסקר וועט שוין זיין שבתים ביי דעם גביר, אונ דאס איז געשעהען געוויס דורך אפארשע «נוא" האט ער ביא זיך געטראכט ער וועט אבער ביי מיר ארויס געשלעפט ווערען דער פאר, עס וועט אים שוין דיא זאך גענוג טייער קאסטען אונ איזט אלזוא צוא געגאנגען צוא דעם דזיוויעניסקער אונ האט צו אים אזוא געזאגט "הער צו וואס איך וועל דיר זאגין, מיינער פערשטייט זייער גוט דאס דו וועסט זיין שוין שבת ביא דעם גביר, נון מיינסט דו דאס דוא ביזט אחכם, אונ דר שמש דער אנדערער צו דיר זאלען אזוא לאנג מיינע שונאים ניט קריינקען וויא לאנג דיא וואלשטעם ניט אויס געפירט דורך אים ווען איך וואלט זיך דארט ניט נארעס בעגאנגען אין דיא צווייא שבתים וואס איך וואר דארט דא וואר יענער העכסט נייא געריג צוא וויסען וואס דארט וואר מיט אים אונ האט צוא אים געזאגט איך וועל הייסען ארויף טראגען פונמאטלע דיא בולבעניצע דרייא צעהענדליק געבאקענע קארטאפעל, אונ זאג אדרבה מיט וואס דוא האסט דארט פערגרייזט, עס איזט דאך שוין פערפאלען דוא וועסט דארט דאך שוין ניט זיין, אט מיט דער צייט וועל איך דיר אין איינער אנדער זאך אב דינגען, דוא ווייסט דאס מע האט נאך געפרעגט ביא מיר אויף אשידוך פאר דיך" «נון ווען אזו" האט זיך דער וואסיליסקער אפ גערופען זאלסט דוא וויסען מיין גאנצער הסרון וואר דארט וואס איך וואר ביא דעם טיש צו קליין שטעטעלדיק, איך האב מיר אלץ געשעמט, געלאזט בעטען, אונ געלאזען אויף דרך ארץ, אונ דאס וויל מען אין





אזעלכע ערטער גאר ניט ליידען, אונד אאינגעל זיינר וואס האט זיך איבער דעם פונאיינאנדער געלאכט פון מיר האט בעקומען אפלאוכע פון פאטער דר פר נון האט עס דער מוטער פערדראסין אונ האט ארויס געזאגט בפירוש דאס זיא האט פיינט איין ארום בחור איחסן, נון איזט געווארען דער פון דיזע איבער בייטונג, דאהער ווילסט דוא זיך דארט דער האלטען רייב ארייין אז קלייען פון נאז זאל זיך שיטען.

«גוט ברודער וואש דוא האסט מיר דער ציילט" האט זיך אפ גערופען דער דזיוויענישקער, מיר זיינען ווירקליך פון א קליין שטעטיל, אונ ביא אונז איז גראדע איין פערקערטער דרך ארץ נון לאזט זיך אויס ווייטער דער שפריכווארט פון אונזער גמרא" (אזלת לקרתא זיל בנימוסיה) דאס הייסט אין יעדער שטאדט, פיר זיך אין דיא זיטען וואס זיא האט, זארג ניט איך וועל שוין דארט ארייין רייבען אז דער קאפ וועט זיך ניט זעהען".

נון דאס דארפען מיר ניט ריידען, דאס קיין בעשעפענעס אין דער וועלט איז אזוי הונגעריג וויא איין ארעם בחור פרייטיג פאר נאכט, דען פרייטיג ווערט אין ערגעץ קיין אנבייסין גיקאכט אונ קיין ארום בחור האט ניט קיין טאג, נון האט ער מיט זיך געבראכט אשרעקליכין אפעטיט, דארט צום טיש, האט אלזויא אויס געטרונקען דעם בעכער וויין ביז דעם דעק האט דיא קיטקע ארונטער געווארפין אונטער זיך דאס עס איז פון איר קיין ברעקיל געבליבין אונ אזוי איז ער זיך בעגאנגען מיט דיא צווייא שטיק פיש, אונ אלס דיא גבירה האט געזעהען דאס ער איז אזויא הונגעריג האט זיא אים דער לאנגט נאך אדריטע שטיק פיש, אונ נאך אקיטקע דער צוא, נון זאל עש ווערין פון אונזערע שונאים וואס עש איז דער פון אויך געווארין, נון וואר נור שווער ביז מע

האט אין אים אן געמערקט דאס ער איז איין הונגעריגער מענש, און דאן האט מען אים אן גיהייבין צו שטאפין און צו קראפין פון אלע זייטען, איין טעלער זופ נאך דעם אנדערין, אין חלק פלייש נאך דעם אנדערין און אזוא איז צו געגאנגען מיט דעם ציטעס, עס פלעגט אלץ פערשוואונדען ווערין אונטער זיינע הענד וויא האלץ אין קאלך אויוען, קורץ דער פון, ער איז שיר צו שפרונגען געווארין עסענדיק און האט קוים דער לעבט דיא מינוט דאס עס זאל שיין זיין נאך דעם בענשען, און האט זיך פון דארט ארויס געהאפט קוים אלעבענדיקר דען עס האט אים אויס געשפארט דיא זייטען, נון פערשטייט זיך דאס ער האט געהאט איינע ביטערע נאכט ער האט ארויס געגעבען פון ביידע זייטען, און האט זיך ביז איבר דעם דאוונען זייער גוט אויס גיבלייכט און אפגעשוואכט דאס ער האט זיך קוים אוועק געשלעפט צום אנבייסען (אדער ווארעמעס), נון פערשטייט זיך דאס ער האט דער וויסט דארט אטיש גערעקט מיט פערשיידענע ווייגען, קאנפעטורען טארטען און אנדערע געבעקסען, ער האט עס געוואלט צוואר פערשלינגען, דען עס וואר איינע אויגנלוסט דארויף צו קוקין, עס האט עס אבער נאך גענודט פון נעכטען, וואס העלפט עס אבער, מען קען זיך דאך קיין שאדען טאן אויף אימער און האט אן געהייבין צוא געניסען, נון דער ערסטער עקבער איזט אביסען, און האט אלזוא אריין געקוועצט אין זיך מיט נויט און מיט גוואלט וואס נור מיגליך וואר,

בימים ההם) אין דיזע טעג וואר אגרויסע געוועדע אין שטאט דאס דיא קיילער (מיעסניקעס) און די צילאדניקעס ווילין אויס קוילען אלע אידען פון ווילנא אום פסח, און דער המון עם וואס האט אין דעם געגלויבט וואר אנקרייטיג זיך צו דר שרעקען

און



און צו מאכען איין שום פון אלערלייא סבות דאן וויא איינע דינסט מיידעל איזט גאטאוו צו ווייגען ערב יום כפור פאר נאכט פון דעם מינדעסטען ווארט וואס מע זאל איר זאגין נור מיט איינער טרויעריגער מינע, אפילו איין אייא בעטען לייען אדער אביסעל פעפער מיט אפיצינען זיפץ, נון וועסט דוא מיינע טייערע לעזערין הערען וואס פאר אשייכעס עס האט דאן יענע טרויעריגע שטימונג פון דעם לינאווער פעבעל (המון עם) געהאט מיט דיזער געשיכטע פון דיזעם ארעם בחור,

און עס וואר אלס מע האט זיך געוואסען, און מע האט דער לאנגט דרייער לייא קאשעס, און דרייער לייא קוגלען, האט זיך דיזער בחור זייער דער שראקען, און אלס מע האט געזעהן, דאס ער עסט ניט, און מע האט אים אן געהייבין צו נייטיגען מיט פריינדליכע ווערטער ווי דער סדר העולם איזט בייא אונז אידען, האט ער אן געהייבין צוא שרייען וואס זייט איר אויסען אויף מיין לעבען דא האט זיך אפגערופען איין ארעמער למדן, ר' לייב דר אלטער, איין פערצייטיגע קוגעל פרעסער, און האט דארט געלעבט פון קדמות דנא מיט יעדען נייען בעטלער ווי צוויא קעץ אין איין זאק, האט ער זיך אפגערופען ניט אנדערס מע זאל דעם עזי מחוצף פנים וויא בינדען? וויא ער האט דער הערט דיא ווערטער בינדען האט ער זיך ארויס געבויגען דורך דעם פענסטער וואס וואר דאן אפען אין טייצעשע גאס, און האט אן געהייבין צוא שרייען וואס קוילעט איר מיך, גוואלט ראטעוועט מיך, נון פערשטייט זיך דאס עס וואר גענוג דאן אזעלכע עטליכע ווערטער אום אויף צו שרעקין דיא שוין גענוג איינגעשראקענע שטאט, און עס איז געווארען שוין אלארם אין גאס דאס בייא דעם גביר למשל ר' שלמה יודע נעהעלעם קוילעט מען שוין, און

יעדערד

יעדערער איזט פערקראכען אין אמויז לאך, אטייל זייען ארויף אויף דיא בוידעמער אטייל אין דיא קעלערען, אגרויסער טייל זייען געלאפען מיט זייערע בעבעכעס און קליינע קינדער עס צו פערשטעקען אין דער הייל וואס איזט אונטער דער שול און ציהעט זיך אוועק וויא דער פעבעל (המון עם) זאגט ביז טראק, און פון דארט ביז אמעריקע, קורץ דער פון עס איזט געווארען אשרעקליכער קאך אין דער גאנצע שטאט און אזוא אויך ביא דעם גביר אין שטוב וויא עס טרעפט אפט דאס איינער דער שרעקט זיך פאר זיין אייגענם שאטען און דער ווילע האט זיך דער דזיוויענסקער ארויס געטראגען וויא אבער טוז איבער די טייצעשע גאס אין קאהעלישען אפטריט, און דער לארעם האט אזו לאנג געווערט ביז די שטאט פאליציא האט עס איינגעשטילט, און האט געמאכט צו גלייך אשלעצטווא, און עס האט זיך אויס געלאזט אויף אגעלעכטער נור דער ווילע האט געהאט דער עולם גרוישע טויט שרעקענעס, און מאנכען האט עס געקאסט גאר דיא געזונד, אט נאט איין שפיל.

Дозволено Ценсурою 17 Октября 1868 года. Вильна.